ונכלל אין יום השבת וואס דעמולט איז חג הפסח - איז פארשטאנדיק, אז דער סיום וואס איז פארבונדן מיט י"א ניסן דארף זיין פארבונדן מיט די ענינים פון חג הפסח, וואס אין תושבע"פ איז דאס מסכת פסחים.

ג. וועגן דעם סיום פון מסכת פסחים האט מען דאך שוין גערעדט כמ"פ (און ס'איז שוין אויך געדרוקט[9]) - וועט מען זיך איצטער אפשטעלן אויף דער נקודה, אז גלייך נאך דעם סיום פון מסכת פסחים קומט מסכת שקלים.

וואס אע"פ אז "בתרי מסכתא אין סדר למשנה"[10], איז דאס מערניט בנוגע צו ענינים וואס זיינען פארבונדן מיט פסקי הלכות; מ'דארף אבער האבן א טעם אויף דעם סדר המסכתות[11] - ועד"ז בעניננו, וואס איז דער טעם וואס נאך מסכת פסחים קומט מסכת שקלים.

וואס אין דערויף זיינען דא כמה טעמים, ביז צום טעם פון רב שרירא גאון (וואס איז געדרוקט באגרת שלו הידועה[12]), אז מסכת שקלים קומט בסמיכות צו מסכת פסחים, דערפאר וואס "הוא מלפניו וכאחד מעניניו" (פון עניני הפסח).

דער קשר צווישן מסכת שקלים מיט מסכת פסחים, ובפרט מיטן סיום פון מסכת פסחים - יש לומר:

אין סיום מסכת פסחים רעדט זיך וועגן ברכת הזבח און ברכת הפסח, צי ברכת הפסח פוטרת את הזבח אדער ניט, כמבואר אין משנה און דערנאך אויך אין גמרא. און דערנאך רעדט די גמרא וועגן די צוויי ברכות וואס זיינען דא ביי פדיון הבן, די ברכה אקב"ו על פדיון הבן און ברכת שהחיינו, וואס בנוגע צו דער ברכה על פדיון הבן איז זיכער אז דער אב איז מברך, ווארום ער איז מצווה אויף פדיון הבן, אבער בנוגע צו ברכת שהחיינו איז דא א שקו"ט מי מברך, און די גמרא פירט אוים "והילכתא אבי הבן מברך שתים".

און דער רשב"ם[13] איז מסביר דעם קשר ושייכות צווישןביידע ענינים (ברכת הפסח און ברכת הזבח, מיט די צוויי ברכות פון פדיון הבן), אז אזוי ווי אין משנה רעדט זיך וועגן צוויי ברכות וואס האבן צווישן זיך א קשר ושייכות, ווארום דער פסח דארף זיין נאכל על השובע[14], נאך דעם קרבן

- חגיגה -

---

9) ראה הגש"פ עם לקוטי טעמים כו' (קה"ת תשל"ו) ע' שעג ואילך. 10) ב"ב קב, א. 11) ראה תוס' ריש מס' ב"מ. 12) במהדורת לוין ע' 33. הובא בתויו"ט ריש מס' שקלים. 13) ד"ה ר' שמלאי שם. 14) פסחים ע, רע"א. רמב"ם הל' ק"פ פ"ח ה"ג.

חגיגה וואס קומט לפניו - פירט אוים אויך די גמרא מיט א שאלה וועגן צוויי ברכות וואס זיינען בענין אחד (אין דעם עניין פון פדיון הבן), די ברכה אקב"ו על פדיון הבן, און ברכת שהחיינו.

און די שייכות צווישן דעם עניין פון פדיון הבן מיט מסכת פסחים - איז פארשטאנדיק בפשטות, ווארום דער עניין פון פדיון הבן איז פארבונדן מיט יצי"מ (ובמילא - מיט מסכת פסחים), כמבואר אין פשטות הכתובים (ועאכו"כ אין מדרשי חז"ל) אז וויבאלד אז דער סיום פון גלות מצרים איז געווען דורך מכת בכורות, דורך "ויהרוג ה' כל בכור בארץ מצרים"[15], דערפאר דארף זיין "כל בכור בני אפדה"[16], געבן חמשה שקלים פאר פדיון הבן.

ד. ע"פ האמור לעיל (אז אין מסכת פסחים רעדט זיך וועגן פדיון הבן, און דאס איז פארבונדן מיט יצי"מ) וועט מען פארשטיין די שייכות צווישן מסכת פסחים מיט מסכת שקלים:

דער עניין פון גלות מצרים (וואס דערפון איז דערנאך ארויסגעקומען די מצוה פון פדיון הבן) האט זיך אנגעהויבן פון "ויוסף הורד מצרימה"[17], כמובן פון פשטות הכתובים, ועאכו"כ ע"פ המבואר אין מדרשי חז"ל, ווי די גמרא[18] זאגט "ראוי הי' יעקב אבינו לירד למצרים בשלשלאות של ברזל כו'", נאר דורך דעם וואס ס'איז געווען "ויוסף הורד מצרימה", האט ער זוכה געווען קומען אין מצרים באופן של מנוחה, ביז אין אן אופן של גדלות, מיט דעם גאנצן יקר וגדולה וואס יעקב האט געהאט אין מצרים, ביז אז גאנץ ארץ מצרים האט געדארפט אנקומען לזכותו וברכתו של יעקב[19], און זיי האבן געוואוסט דערפון.

שטייט אין מדרש[20] אז וויבאלד "ויוסף הורד מצרימה" איז געווען דורך דעם וואס מ'האט אים פארקויפט "בעשרים כסף"[21], דערפאר האט דער אויבערשטער געהייסן אז יעדער איד זאל פודה זיין את בנו בחמשה שקלים, וואס דאס איז דער שווי פון "עשרים כסף".

דערנאך שטייט אין מדרש (ועד"ז אויך אין ירושלמי אין שקלים[22]) א צווייטער עניין: וויבאלד אז די שבטים האבן פארקויפט יוסף'ן "בעשרים כסף", וואס דאס איז דער סכום פון

- חמשה -

----

15) בא יג, טו. 16) שם. 17) וישב לט, א. 18) שבת פט, ב. וראה יל"ש וישב רמז לט. מדרש תהלים עה"פ קה, טז.
19) ראה פרש"י ויגש מז, י. במדב"ר פי"ב, ב. תנחומא נשא טו. ועוד. 20) ב"ר פפ"ד, יח. וש"נ. 21) וישב לז, כח.
22) פ"ב ה"ג.

חמשה שקלים, קומט אויס א הצי שקל צו יעדערן פון די צען שבטים (ווארום "בנימין לא הי׳ עמהן"[23], זיינען געבליבן נאר צען שבטים) - און דערפאר האט דער אויבערשטער געהייסן אז יעדער איד זאל געבן "מחצית השקל"[24].

וואס דערפון איז פארשטאנדיק דער קשר ושייכות צווישן מסכת פסחים מיט מסכת שקלים - אז דער ענין פון מכירת יוסף האט געבראכט סיי דעם ענין פון פדיון הבן, וואס דאס איז דער סיום פון מסכת פסחים, און סיי דעם ענין פון מחצית השקל, וואס דערמיט הויבט זיך אן מסכת שקלים, "באחד באדר משמיעין על השקלים".

ה. נאך א קשר צווישן מסכת פסחים מיט מסכת שקלים:

כאמור לעיל (ס"ג) אז די נקודה וואס מ׳זעט אין דעם סיום פון מסכת פסחים איז, אז ס׳רעדט זיך וועגן צוויי ברכות וואס האבן א קשר ושייכות צווישן זיך (ברכה הפסח און ברכת הזבח (וואס פסח און זבח זיינען פארבונדן זב"ז, כנ"ל) און די צוויי ברכות פון פדיון הבן) - און די זעלבע נקודה זעט מען אויך אין ריש מסכת שקלים:

בנוגע צו דער מצוה פון מחצית השקל (וואס דאס איז די התחלה פון מסכת שקלים), איז אע"פ אז דאס איז א מצוה אחת שלימה, איז מען אבער מדגיש אז מ׳דארף געבן "מחצית השקל" (ניט עשר גרה, נאר "מחצית השקל"), א מחצית פון אן ענין, ד.ה. אז ס׳איז דא אין דערויף צוויי פרטים, און מ׳דארף געבן נאר א "מחצית" (ע"ד הנ"ל אז ס׳זיינען דא צוויי ענינים (צוויי ברכות) וואס זיינען פארבונדן זב"ז).

וואס דאס איז דאך א דבר פלא: בנוגע צו כללות הענין פון תומ"צ און אידישקייט, איז דער ציווי אז מ׳דארף געבן א דבר השלם דוקא, און נאכמער: דער דבר השלם גופא דארף זיין "מן הנאה והטוב כו׳ היפה", ווי ס׳שטייט[25] "כל חלב לה׳", ווי געבראכט אין רמב"ם[26] און אין שו"ע[27], ד.ה. אז ניט נאר ס׳דארף זיין א דבר שלם, נאר אין שלימות גופא דארף דאס זיין בתכלית השלימות.

און אעפ"כ זעט מען אז בנוגע צו דער מצוה פון מחצית השקל, איז מען מדגיש אז די נתינה דארף זיין "מחצית השקל" דוקא, און מיט דער הדגשה אז "העשיר לא ירבה והדל לא ימעיט"[28], "מחצית" דוקא.

- ו. -

----

23) קה"ע לירושלמי שם. 24) תשא ל, יג. 25) ויקרא ג, טז. 26) סוף הל׳ איסורי המזבח. 27) יו"ד סו"ס רמח. 28) תשא שם, טו.

ו. בהמשך להמדובר לעיל וועגן "מחצית השקל", איז איינער פון די ביאורים פארוואס איז מען מדגיש אז די נתינה דארף זיין "מחצית השקל" דוקא - אז אין דערויף איז מודגש דער ענין פון "אהבת ישראל", אז א איד דערפילט אז ער גיט מעדניט ווי "מחצית", און דוקא ווען א צווייטער איד גיט אויך "מחצית", ערשט דעמולט ווערט דאס א דבר השלם.

וואס דאס איז אויך פארבונדן מיט די תורה פון דעם אלטן רבי'ן[29] אז אהבת ישראל איז איין זאך מיט "ואהבת את ה' אלקיך", אהבת ה' - כמבואר בארוכה אין דרושי רבותינו נשיאינו[30] אז דער ענין פון מחצית השקל איז, אז איין מחצית גיט דער איד, א נברא, און די צווייטע מחצית גיט אים דער אויבערשטער מלמעלה. און הא בהא תליא.

און אזוי ווי אין אלע ענינים זאגט מען דאך אז "המעשה הוא העיקר"[31] - איז עד"ז אויך בנוגע צו דעם ענין פון "מחצית השקל", אז דער ענין (אז ער איז מערניט ווי א "מחצית", און דוקא מיטן צווייטן אידן ווערט ער א דבר השלם) קומט אראפ בנוגע לפועל:

דער גאנצער ענין פון "מחצית השקל" איז געמאכט געווארן אויף אזא אופן אז מיט דער "מחצית השקל" אליין קען מען גארניט טאן. ווארום פון דעם "מחצית השקל" וואס אלע אידן האבן געגעבן האט מען מקריב געווען די קרבנות ציבור, און דעם ערשטן קרבן וואס מ'האט געדארפט מקריב זיין דורך דעם "מחצית השקל", איז געווען דער קרבן תמיד פון ר"ח ניסן (וואס דעמולט האט מען אנגעהויבן מקריב זיין די קרבנות פון דער "תרומה חדשה", ווי די גמרא זאגט[32] "חדש והבא קרבן מתרומה חדשה") - וואס מיט א "מחצית השקל" קען מען ניט קויפן קיין קרבן, ווארום בפשטות איז דער קרבן-תמיד, בפרט מיט די נסכים וכו', ווערט מערער פון "מחצית השקל"[33].

וואס דערפון איז פארשטאנדיק, אז ווען א איד ברענגט דעם "מחצית השקל", זאגט אים אן תורה מלכתחלה ער זאל וויסן אז מיט זיין "מחצית השקל" וועט מען ניט קענען מקריב זיין קיין קרבן, און לאידך, איז מען אים מצווה אז ער זאל געבן דעם "מחצית השקל" כדי אז מ'זאל קענען מקריב זיין דעם קרבן - וואס אין דערויף איז מודגש אז די שלימות פון א אידן איז

- דוקא -

----

29) סה"ש ה'ש"ת ע' 3. ועוד. 30) ראה חו"א הוספות קיב, א ואילך. אוה"ת תשא ע' א'תתקז ואילך. שם ע' א'תתקיא. מכ' כללי דער"ה ניסן ש.ז. 31) אבות פ"א מי"ז. 32) ר"ה ז, א. מגילה כט, ב. 33) ראה כריתות י, ב. מנחות קז, ב. תוס' שם ד"ה כבש. תוד"ה רבעיים ב"ב קסו, ב.

דוקא ווען ער פילט אז ער איז מערניט ווי א "מחצית", און ער דארף אנקומען צו א צווייטן אידן, וואס דוקא דעמולט ווערט ער א דבר שלם.

ז. א דוגמא לדבר (אז ער איז מערניט ווי א "מחצית", און דוקא דורך דעם צווייטן ווערט דאס א דבר שלם) געפינט מען אויך אין הל' שבת (וואס לכו"ע בשבת ניתנה תורה[8]):

דער דין איז[34] אז א מלאכה שאי אפשר לעשותה ע"י אחד ועשאוה שנים, שניהם חייבים, וואדום דאס ווערט פארערכנט ווי ביידע האבן געטאן די גאנצע מלאכה בשלימות (וואדום ווען ס'וואלט געהייסן אז יעדערער פון זיי האט געטאן א האלבע מלאכה, איז דאך דאס א חצי שיעור, און אויף א חצי שיעור איז ניטא דער זעלבער חיוב ווי אויף א גאנצע מלאכה).

ד.ה. אז דאס איז א מלאכה וואס ער אליין קען איד ניט טאן, ער מוז אנקומען צו א צווייטן, ולאידך, ווען ער טוט דאס צוזאמען מיטן צווייטן, הייסט דאס אז יעדערער האט געטאן די גאנצע זאך בשלימות (ע"ד האמור לעיל בנוגע צו מחצית השקל).

וכמדובר כמ"פ[35] די דוגמא לזה פון חלוקת הש"ס, וואס יעדערער נעמט אויף זיך איין מסכת, מ'טוט דאס אבער אין אן אופן אז מ'איז זיך מצטרף מיט נאך אידן, און אלע צוזאמען זיינען מסיים דעם ש"ס, ווי דער אלטער רבי שרייבט אין קו"א (און מ'האט דאס ארייגעשטעלט בסיום פון ספר התניא[36]) אז מ'דארף "לגמור כל הש"ס כו' לחלק המסכתות כו' ועיר שיש בה מנינים הרבה יגמרו בכל מנין ומנין, ואם איזה מנין קטן מהכיל יצרפו אליהם אנשים מאיזה מנין גדול" (וואס "מנין" מיינט כפשוטו, א ביהכ"נ וביהמ"ד).

וכמדובר כמ"פ בארוכה, אז וויבאלד אז מצד צוק העתים קען מען ניט (ע"פ שו"ע) מסיים זיין כל הש"ס כולו (ובפרט אז דער לימוד זאל זיין באופן הכי טוב), איז דאס ע"ד ווי א מלאכה שאא"פ לעשותה ע"י אחד, און דערפאר ווען יעדערער לערנט איין מסכת, און מ'איז זיך מצטרף אלע צוזאמען, איז מעלה עליו הכתוב אז דאס איז כאילו ווי ער האט געלערנט גאנץ ש"ס, וואס דאס זאגט "תודת אמת" אז אזוי איז אמיתית הענין.

וואס דא זעט מען אויך דעם זעלבן ענין (ווי אין

- "מחצית -

----

34) שבת צג, א. רמב"ם הל' שבת פ"א הט"ז. 35) ראה שיחת י"ט כסלו ש.ז. סנ"ד. לקו"ש ח"י ע' 267 ובהערות שם.
36) קסג, א.

"מחצית השקל"), אז ער אליין קען ניט טאן די גאנצע זאך, ער מוז אנקומען צום צווייטן, און לאידך, ווען ער טוט דאס צוזאמען מיטן צווייטן, איז דאס פונקט ווי יעדערער פון זיי האט געטאן דעם גאנצן ענין בשלימות.

ח. פון דעם ירושלמי הנ"ל (ס"ד), וואס ער איז מבאר אז דער ענין פון "מחצית השקל" איז פארבונדן דערמיט וואס די שבטים האבן פארקויפט יוסף'ן "בעשרים כסף", וואס דעמולט כאפט דער חשבון "מחצית השקל" צו יעדער שבט - האט מען א לימוד נפלא:

לכאו' איז ניט פארשטאנדיק, ווי אזוי איז דער חשבון "מחצית השקל" פאר יעדער שבט, ס'זיינען דאך געווען מערניט ווי ניין שבטים, ווארום נוסף לזה וואס בנימין איז ניט געווען צוזאמען מיט זיי, איז דאך ראובן אויך ניט געווען ביי דער מכירה[37], קומט דאך אויס אז ס'זיינען געווען נאר ניין שבטים, איז ווי שטימט דער חשבון "מחצית השקל" פאר יעדער שבט?

מ'קען דאס ניט פארענטפערן לויט דער דעה[38] אז "שתפו להקב"ה באותו חרם", כדי אז ס'זאל האבן דעם תוקף פון עשרה, וואס "אין החרם מהקיים אלא בעשרה" (וואס דערפאר האבן אלע געדארפט שווייגן, כמדובר אמאל בארוכה[39] - ווארום בנוגע צום אויבערשטן איז ניט שייך צו זאגן אז מ'זאל פאנאנדערטיילן די "עשרים כסף", און ער זאל אויך נעמען "מחצית השקל".

איז דא אויף דעם א תירוץ[40], מיוסד אויף דעם וואס ס'שטייט אין פרדר"א[41], אז ראובן איז טאקע ניט געווען בשעת מעשה, ווען ער איז אבער געקומען צוריק און האט זיך דערוואוסט פון די גאנצע מעשה, איז שתק און האט ניט מוחה געווען,

און וויבאלד אז ער האט ניט געמאכט קיין טומל און א שטורעם וואס זאל באווייזן אז ער איז ניט מסכים צו דעם ענין, איז דערפון די הוכחה אז לאחר המעשה איז ביי אים געווען א שתיקה כהודאה, און דערפאר גייט ער אויך אריין אין דעם חשבון פון די עשרה צווישן וועלכע מ'טיילט פאנאנדער די "עשרים כסף", און ער דארף אויך געבן "מחצית השקל".

וע"פ האמור לעיל (ס"ו) אז אין דעם ענין פון "מחצית

- השקל" -

----

37) ראה פרש"י וישב שם. 38) תנחומא וישב ב. 39) לקו"ש ה"י ע' 130 ואילך. 40) מהרז"ו לב"ר שם. וראה ג"כ יפ"ת שם. 41) פל"ח.

השקל" איז מודגש דער ענין פון "אהבת ישראל" - האט מען דערפון א לימוד נפלא:

דער ענין פון "ואהבת לרעך כמוך"[42] דארף זיין אפי' בנוגע צו א אידן וואס הנהגתו (ווי מ'זעט לעיני בשר) איז אין אן אופן פון "בריות", ווי דער אלטער רבי איז מבאר אין תניא פרק לב אז זיין איינציקע מעלה איז דאס וואס ער איז "בריות", ער איז באשאפן געווארן ע"י הקב"ה, קיין אנדער מעלה האט ער ניט, אין בו לא טעם ולא ריח וכו'[43] - אויך בנוגע צו דעם אידן איז דא דער ציווי "ואהבת לרעך כמוך".

וואס לכאו', קען ער טענה'ן אז דאס איז ניט "רעך", ער האט ניט קיין שייכות צו אים - ע"ד ווי ס'איז געווען ביי מכירה יוסף (בנוגע צו ראובן), אז מ'האט געטאן אן ענין וואס ער איז געווען בפירוש נגד זה, און ער איז דערביי בכלל ניט געווען, האט ער, לכאו', קיין שייכות ניט מיט דעם!

זאגט מען אים, אז דאס גופא וואס צו אים איז אנגעקומען די ידיעה אז ביי א צווייטן אידן האט זיך געטראפן א דבר בלתי רצוי, איז דאס א הוכחה אז א שמץ מנהו איז דא אויך ביי אים, כידוע תורת הבעש"ט בזה[44].

וכידוע דער סיפור וואס כ"ק מו"ח אדמו"ר האט דערציילט בנוגע צום מיטעלן רבי'ן (און ס'איז שוין אויך געדרוקט[45]), אז ווען ער איז אמאל געווען באמצע הדרך קיין ליובאוויטש, און האט אויפגענומען מענטשן אויף יחידות, האט ער מפסיק געווען אינמיטן די יחידות למשך זמן.

האט מען ביי אים געפרעגט, ווי קומט דאס ער זאל מפסיק זיין אינמיטן די יחידות, ווען ס'ווארט א המון רב? - האט ער געזאגט, אז מ'האט ביי אים געפרעגט וועגן אן ענין מסוים, וואס דאס איז דאך א סימן אז ביי אים איז אויך דא עכ"פ מעין זה, איז ביי אים געווארן די שאלה, היתכן אז ביי אים זאל זיין א מעין פון דעם ענין וועלכן מ'האט ביי אים געפרעגט, ער האט ביי זיך ניט געפונען אפי' א שמץ דשמץ מנהו -

האט ער געדארפט האבן א התבוננות במשך זמן ביז וואנעט ער האט געפונען ביי זיך א שמץ מנהו, און ערשט דערנאך, ווען ער האט דאס געפונען און מתקן געווען, האט ער געקענט ממשיך זיין אויפנעמען אנשים אויף יחידות און געבן זיי דעם תיקון.

- ועד"ז -

---

42) קדושים יט, יח. 43) דאה ויק"ר פ"ל, יב.
44) הובאה ונתבארה בלקו"ש שם ע' 24 ואילך. 45) סה"מ קונטרסים ח"ב ע' 712 ואילך.

הנחה הת' בלתי מוגה

ועד"ז איז פארשטאנדיק אויך בנוגע צו ראובן: וויבאלד צו אים איז דערגאנגען די ידיעה אז די שבטים האבן זיך געפירט באופן בלתי רצוי, האט ער פארשטאנען אז ביי אים איז אויך דא א שמץ מנהו, במילא האט ער פריער געדארפט מתקן זיין דעם ענין ביי זיך, און דערפאר איז שתק ולא מיחה.

וואס דערפון האט מען די הוראה, אז בשעת מ'טרעפט א אידן וואס הורת אמת זאגט אויף אים אז ער איז "בריות בעלמא" (מער האט ער ניט קיין מעלות), און וויבאלד אז "האדם יראה לעינים"[46], זעט ער אז יענעמ'ס הנהגה איז בתכלית השפלות, ביז אז "מכרם בכסף גו' עבור נעלים"[47], אן ענין וואס איז פארבונדן מיטן רגל (ניט מיט אן ענין נעלה) - בדוגמא ווי ס'איז געווען בדקות הענינים ביי מכירת יוסף, אבער דא זעט ער דאס ניט בדקות, און אפי' ניט בדקות, נאר בתכלית השפלות פון בירא עמיקתא -

זאגט מען אים אז ס'מוז זיין דער ענין פון "ואהבת לרעך כמוך" אפי' בנוגע צו "בריות", און מיט דער הדגשה אז דאס איז "כמוך", און מ'איז נאך מוסיף אז "מי יודע גדולתן ומעלתן בשרשן ומקורן"[48].

- בדוגמא ווי ס'איז געווען ביי ראובן, אז אע"פ אז ער האט געזעהן ביי די שבטים אן ענין בלתי רצוי וואס ער האט מנגד געווען דערצו, אעפ"כ האט זיך געמאנט ביי אים דער ענין פון "אהבת ישראל", ווי דאס דריקט זיך אוים אין דעם וואס ער גייט אויך אריין אין דעם חשבון פון די עשרה צווישן וועלכע מ'טיילט פאנאנדער די "עשרים כסף", וואס דערפון קומט ארויס דער ענין פון "מחצית השקל" וואס איז פארבונדן מיט דעם ענין פון "אהבת ישראל".

ט. פון דעם ירושלמי הנ"ל (ס"ד), האט מען נאך א גרעסערן לימוד נפלא:

בנוגע צו די שאלה הנ"ל (ס"ח) ווי שטימט דער חשבון "מחצית השקל" פאר יעדער שבט, ס'זיינען דאך געווען מערניט ווי ניין שבטים, ווארום בנימין און ראובן זיינען ניט געווען - איז דא א צווייטער תירוץ[49]:

וויבאלד אז יוסף האט גורם געווען צו דעם וואס די שבטים האבן אים פארקויפט - דורך דעם וואס ער האט זיי דערציילט זיינע חלומות, און האט מעורר געווען אז ס'זאל

- זיין -

----

46) ש"א טז, ז. 47) עמוס ב, ו. וראה פרדר"א שם.
48) תניא פל"ב. 49) תקלין חדתין לירושלמי שם. וראה ג"כ מה"פ שם.

זייך "ויקנאו בו אחיו"[50] - האט ער אליין א חלק אין זיין מכירה, ביז אז ער ווערט פאררעכנט צווישן די עשרה, און ער איז אויך מחוייב אין "מחצית השקל" [ווארום מ'טיילט די "עשרים כסף" צווישן עשרה (ניט צווישן תשעה), דערפאר וואס יוסף ווערט אויך פאררעכנט, זייענדיק א גורם צו דער מכירה].

וואס דערפון האט מען די הוראה, אז דער עניין פון "אהבת ישראל" (וואס דאס איז די נקודה פון "מחצית השקל") דארף זיין אפי' בנוגע צו א אידן וואס האט אים וויי-געטאן, ביז אין אן אופן וואס איז בדוגמא צו מכירת יוסף למצרים ע"י אחיו - אויך צו אים דארף זיין דער עניין פון "אהבת ישראל".

און בשעת ער פרעגט: ווי אזוי קען מען מאנען ביי אים דעם עניין פון "ואהבת לרעך כמוך" צו איינעם וואס האט זיך געפירט מיט אים באופן הפכי - איז אויף דערויף דא די הסברה אין אגה"ק[51], אז יעדער זאך איז בהשגחה פרטית, און אע"פ אז יענער איז א בעל בחירה (און אים קומט אן עונש אויף דעם וואס ער האט זיך געפירט באופן כזה), איז אבער "על הניזק כבר נגזר מן השמים", ובמילא האט ער ניט וואס צו זיין ברוגז, ואדרבה, כל הכועס כו'[52], דאס איז אן עניין וואס איז היפך ההתקשרות צום אויבערשטן, ווארום יעדער עניין קומט פון דעם אויבערשטן.

וואס דערפון איז פארשטאנדיק די הוראה האמורה לעיל, אז דער עניין פון "ואהבת לרעך כמוך" דארף זיין אפי' צו א אידן וואס האט זיך געפירט מיט אים באופן ההפכי - ווארום מ'האט די הסברה הנ"ל פון דעם אלטן רבי'ן אז ער האט ניט וואס צו זיין ברוגז אויף יענעם, וויבאלד אז דאס וואס ער האט אים געטאן איז געווען בהשגח"פ, ואדרבה, ער דארף זיך פירן מיט אים אין אן אופן פון "ואהבת לרעך כמוך".

י. בנוגע צו כללות הציווי פון "ואהבת לרעך כמוך", אפי' ווען ס'רעדט זיך וועגן א "רע" אמיתי, פרעגט זיך די שאלה: ווי אזוי קען מען פארלאנגען פון א בן אדם ער זאל האבן אהבה צו א צווייטן מענטשן "כמוך", ס'איז דאך היפך טבע האדם (ווי פשטני המקרא, אנהויבנדיק פון דעם רמב"ן[53], מאכן דערפון א גאנצן שטורעם)?!

ביז אז ס'זיינען דא מפרשים[54] וואס זיינען מסביר דאס

- וואס -

---

50) וישב שם, יא. 51) סכ"ה (קלח, ב). 52) זח"א כז, ב. ובכ"מ. רמב"ם הל' דעות פ"ב ה"ג. 53) עה"פ קדושים שם. 54) ראה חרא"ג מהרש"א לשבת לא, א ד"ה דעלך.

וואס הלל האט געזאגט "דעלך סני לחברך לא תעביד"[55], באופן שלילי, און האט דאס ניט געזאגט באופן חיובי, "ואהבת לרעך כמוך" - דערפאר וואס ב'קען ניט פארלאנגען דעם ענין פון "ואהבת לרעך כמוך"; ב'קען נאר פארלאנגען אז "דעלך סני לחברך לא תעביד".

מ'זעט דאך אבער, אז "דעלך סני לחברך לא תעביד" האט הלל געזאגט צו איינעם וואס האט זיך געוואלט מגייר זיין, ער איז נאך אבער ניט געווען קיין איד [ו]וואס אע"פ אז מ'זאגט אז נאך איידער ער ווערט נתגייר איז ער שוין געווען א גר, וואס דערפאר איז דער לשון "גר שנתגייר"[56], אעפ"כ, בנוגע צו אלע ענינים פון תומ"צ איז ער נאך ניט קיין איד[ ], קען מען נאך ניט מאנען ביי אים דעם ענין פון "ואהבת לרעך כמוך". במילא זאגט מען אים עכ"פ "דעלך סני לחברך לא תעביד", וואס דאס איז אויך א כלל גדול בתורה (עכ"פ באופן שלילי);

משא"כ אבער ווען ס'רעדט זיך וועגן א אידן - זאגט מען יעדער אידן אז ס'דארף זיין "ואהבת לרעך כמוך" (אין אן אופן חיובי), און ערשט דערנאך קומט ער צו דעם תרגום פון דעם ענין, אז "דעלך סני לחברך לא תעביד".

עס בלייבט נאך אבער די שאלה הנ"ל: ווי אזוי קען מען מאנען דעם ענין פון "ואהבת לרעך כמוך", ס'איז דאך היפך טבע האדם?

וואס דאס איז אויך פארבונדן דערמיט וואס ס'ברענגט זיך אראפ אין חסידות[57] דאס וואס דער אלטער רבי האט געזאגט בשם הכגיד, אז לכאו' איז ניט פארשטאנדיק, ווי אזוי קען זיין א ציווי "ואהבת את ה' אלקיך"[58], אהבה איז דאך א דבר התלוי ברגש הלב? - און דער ביאור בזה איז, אז דער ציווי איז ניט אויף דער אהבה, נאר אז מ'זאל זיך מתבונן זיין בדברים המביאים לאהבה: קען מען זאגן עד"ז אויך בנוגע צום ציווי "ואהבת לרעך כמוך", אז דער ציווי איז ער זאל זיך מתבונן זיין בדברים המביאים צו דער אהבה.

יא. עס איז אבער נאך אלץ ניט פארשטאנדיק:

יעדער ענין דארף דאך האבן א רמז אויך אין נגלה דתורה, איז וואו איז דער רמז אין נגלה דתורה אז דער ציווי איז אויף די ההבוננות בדברים המעוררים את האהבה? ובפרט אז דא

- רעדט -

----

55) שבת שם. 56) ראה מדבר קדמות להחיד"א מע' ג' אות ג'. 57) אוה"ת להה"מ (הוצאת קה"ת) הוספה אות יב. וש"נ. 58) ואתחנן ו, ה.

רעדט זיך וועגן אן ענין פון קיום המצוות בפשטות, וואס דארטן איז "המעשה הוא העיקר" - און דער לשון הציווי איז (ניט אז מ'זאל זיך מהבונן זיין אין דעם ענין פון "ואהבת לרעך כמוך", נאר) אז ס'זאל זיין "ואהבת לרעך כמוך"?

איז דעם ביאור בזה געפינט מען גאר אין רמב"ם

[וואס ס'איז דא א שייכות מיוחדה צווישן דעם רמב"ם מיט די ימים שלפני חגה"פ - וואס דאס איז וואס מ'געפינט בנוגע צום רמב"ם א דבר פלא:

בנוגע צו יום ההולדה פון גדולי ישראל, איז זייער זעלטן אז מ'זאל זאגן אויף איימיצן ווען ס'איז געווען זיין יום ההולדה (און דאס וואס מ'געפינט אין ש"ס דעם ענין פון יום ההולדה, געפינט מען דאס מערניט ווי בנוגע צו תקופות מיוחדות, ווען ער איז געווארן בן ששים שנה וכיו"ב[59]);

דערנאך האבן רבותינו נשיאינו, ביז צו כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו, מגלה געווען דעם ענין פון יום ההולדת[60] - און דעמולט האט מען אנגעהויבן חוקר ודורש זיין, און מ'האט אנגעהויבן פראווען א התבוננות מיט אלע ענינים וואס זיינען פארבונדן מיט יום ההולדת[61].

אבער בנוגע צום רמב"ם, זעט מען אז ניט נאר ס'איז אנגעצייכנט דער טאג פון זיין יום הולדה, וואס דאס איז געווען בערב פסח, נאר ס'שטייט אויך אין וועלכע שעה איז ער געבארן געווארן בערב פסח (ווי ס'שטייט אין די ספרים פון דברי הימים, אין סדר הדורות[62] וכיו"ב)]:

בשעת דער רמב"ם אין סהמ"צ שלו[63] ברענגט דעם ציווי פון אהבה, זאגט ער אויך אז מ'דארף זיך מהבונן זיין בדברים המעוררים את האהבה; דערנאך איז ער אבער מוסיף דריי ווערטער וואס פארענטפערן די שאלה הנ"ל: ער זאגט דארטן אז דורך די התבוננות בדברים המעוררים את האהבה, איז "תבוא האהבה בהכרח".

וואס דערפון איז פארשטאנדיק, אז אין מקרא יוצא מידי פשוטו[64]; דער ציווי איז טאקע אויף דעם ענין האהבה (ווי ס'איז פארשטאנדיק פון פשטות הכתובים), אבער ווי אזוי קען מען פועל'ן דעם ענין האהבה אין רגש האדם, איז דאס דורך דער התבוננות בדברים המעוררים את האהבה, וואס דעמולט איז בהכרח אז ער וועט צוקומען צום ענין האהבה. און ווי דער

- רמב"ם -

----

59) ראה מו"ק כח, א. 60) ראה סה"ש תש"ג ע' 141.
61) ראה היום יום ע' מד. לקו"ש ח"ה ע' 86. 62) ד"א תתקכז.
63) בסהמ"צ מ"ע ג'. 64) שבת סג, א. וש"נ.

רמב"ם איז דארטן מאריך אז ס'איז ניט דער טייטש אז ס'קען זיין אז ער וועט צוקומען צום ענין האהבה און ס'קען אויך זיין באופן אחר, נאר ס'איז א זיכערע זאך אז ער וועט צוקומען צום ענין האהבה. ועד"ז איז פארשטאנדיק אויך בנוגע צום ציוורי "ואהבת לרעך כמוך".

עפ"ז דארף מען האבן א ביאור לאידך גיסא:

פארוואס זאגט דער מגיד אז דער ציוורי איז נאר אויף דער התבוננות, און די אהבה וואס וועט ארויסקומען דערפון "אין זה מעיקר המצוה"[65] [ובפרט לויט ווי דער צ"צ[66] איז מבאר אז דאס איז בדוגמת הציוורי "אל ירך לבבכם"[67], וואס דער רמב"ם[68] זאגט אז דער ציוורי בזה איז, ער זאל זיך ניט מתבונן זיין אין דברים המביאים לרכות הלב ולמורא ופחד] - לכאו', האט ער געקענט זאגן אזוי ווי דער רמב"ם, אז דער ציוורי איז טאקע אויף די אהבה, און דאס קומט דורך דער התבוננות בדברים המעוררים את האהבה, וואס דורך די התבוננות וועט ער זיכער קומען צום ענין האהבה?

איז דער ביאור בזה:

די מצוה פון "ואהבת לרעך כמוך", איז ניט קיין מצוה וואס מ'קען איר אפלייגן אויף מארגן אדער איבערמארגן, ווארום וויבאלד אז דאס איז "כל התורה כולה"[69], דארף מען דאס האבן בכל יום ויום,

איז אויב מ'וועט זאגן אז דער ציוורי איז אויף דער אהבה אליין, און ס'איז שייך א ציוורי אויף דערויף, דערפאר וואס ס'איז א זיכערע זאך אז דורך דער התבוננות בדברים המעוררים את האהבה וועט ער צוקומען צום ענין האהבה - איז דאס ניט מספיק, ווארום ס'שטייט ניט ווי לאנג דארף דאס נעמען ביז אז די התבוננות וועט אראפקומען אין א מדה שבלב,

[און ס'איז ניט שייך קובע זיין א זמן וויפל צייט דארף נעמען ביז וואנעט אז די התבוננות וועט אראפקומען אין לב, ווארום דאס איז ניט גלייך ביי אלע מענטשן; ס'איז תלוי בטבע האדם וויפל צייט נעמט ביי אים פון דער התבוננות ביז וואנעט דאס קומט אראפ אין רגש הלב, איינער וואס איז א זריז ווערט דאס ביי אים גלייך, און איינער וואס איז ניט קיין זריז נעמט דאס א משך זמן],

וכאמור אז דעם ענין האהבה דארף מען האבן בכל יום

- ויום -

----

65) ראה או"ת שם בהערה. 66) אוה"ת ואתחנן ס"ע שצז ואילך. וראה ג"כ לקו"ת ואתחנן ו, ד. 67) שופטים כ, ח. 68) הל' מלכים ספ"ז. 69) ראה שבת לא, א.

ויום - איז ניט געגנוג דאס וואס דער רמב"ם פסק'נט אין סהמ"צ [וואס בשעת ס'איז ניטא קיין סתירה דערצו פון יד החזקה, פסק'נט מען לויט ווי ס'שטייט אין סהמ"צ] אז ס'איז א זיכערע זאך אז די התבוננות וועט אראפקומען אין א מדה שבלב; און דערפאר זאגט דער מגיד אז דער ציווי איז ניט אויף דער אהבה, נאר אויף דער ההבוננות בדברים המעוררים את האהבה.

יב. כאמור לעיל אז אין דעם ענין פון "מחצית השקל" זעט מען צוויי ענינים הפכיים; פון איין זייט זאגט מען אז יעדער יחיד דארף געבן "מחצית השקל", און לאידך, מוז מען אנקומען צום "מחצית השקל" פון אלע אידן, ווארום מיט זיין "מחצית השקל" אליין קען מען ניט מקריב זיין קיין קרבנות.

ועד"ז געפינט מען אויך בנוגע צו "קרבן פסח":

פון איין זייט איז קרבן פסח א קרבן יחיד, און אין דערויף גופא איז דא דער תנאי אז "אין הפסח נאכל אלא למנוייו"[70], ד.ה. אז יעדער יהיד דארף זיין אויסגעטיילט (אין דעם מינוי על הקרבן) פון אלע איבעריקע אידן,

[ביז אז אפי' ווען ס'רעדט זיך וועגן בני ביתו, זאגט מען ניט אז אשתו כגופו דמיא[71] נאר זי דארף האבן א באזונדער מנין - צי זיי זיינען חייבות אין קרבן פסח אדער אז ביי זיי איז דאס רשות[72]. ועד"ז בנוגע בנו הקטן איז אויך שייך ער זאל נמנה ווערן[73]].

ד.ה. אז אפי' ווען ער פירט זיך אין אן אופן פון "ואהבת לרעך כמוך" און ער איז ממנה א צווייטן אידן אויף זיין קרבן פסח; ער גיט אים עסן פון דעם קרבן פסח, צוזאמען מיט אלע ענינים וואס זיינען פארבונדן דערמיט - קרבן חגיגה, ווארום דער קרבן פסח דארף זיין "נאכל על השובע", און מצה מיט מרור, ווארום ס'דארף זיין "על מצות ומרורים יאכלוהו"[74] - גיט ער אים אלע צרכי הפסח משלו; און אעפ"כ איז דא אין דערויף דער קצה ההפכי אז בנוגע צום מינוי אויפן קרבן פסח, דארף ער ממנה זיין און ציילן זיך באזונדער און דעם צווייטן אידן באזונדער, ווארום דאס איז א קרבן יחיד.

ולאידך, איז קרבן פסח "אתי בכנופיא"[75], ביז אז ער האט

- אין -

----

70) זבחים נו, ב במשנה. 71) ברכות כד, א. וש"נ. 72) ראה פסחים צא, ב. סנהדרין יב, ב. 73) סוכה מב, ב. וראה לקו"ש קדושים ש.ז. ס"ז ובהנסמן שם. 74) בהעלותך ט, יא. 75) יומא נא, א.

הנחת הה' בלתי מוגה

אין זיך כמה גדרים פון א קרבן צִיבוּר, ווי גערעדט אמאל בארוכה[76].

וואס אין דערויף זעט מען אויך דעם קישור צווישן מסכת פסחים (דער ענין פון קרבן פסח) מיט מסכת שקלים (דער ענין פון "מחצית השקל").

יג. כאמור לעיל אז בסיום פון מסכת פסחים רעדט זיך וועגן ברכת הזבח און ברכת הפסח (זבחים און פסחים) - וי"ל אז די הכנה צו דער גאולה האמיתית והשלימה וואס ווערט אויפגעטאן ע"י מעשינו ועבודהנו במשך זמן הגלות[77], איז בדוגמא צום קרבן חגיגה (זבחים) וואס מ'איז מקריב פריער כדי אז אכילת הפסח (וואס איז בדוגמת ענין הגאולה) זאל זיין אין אן אופן פון "נאכל על השובע".

וואס אין דערויף זעט מען צוויי ענינים הפכיים:

אויך בשעת א איד געפינט זיך אין גלות זאגט מען אז ער דארף שטיין אין א מעמד ומצב פון שמחה וטוב לבב, וואדום וויבאלד אז ס'דארף זיין "בכל דרכיך דעהו"[78], וואס דאס גייט אויף אַלֶע ענינים וואס ער טוט במשך כל היום כולו, ביז אויך ווען ער שלאפט (כמבואר אין רמב"ם[79]), און עבודת ה׳ דארף זיין בשמחה ובטוב לבב[80], איז פארשטאנדיק, אז במשך כל היום כולו (אויך בזמן הגלות) דארף א איד זיין בשמחה וטוב לבב;

ולאידך, דארף א איד פילן במשך כל היום כולו אז ער געפינט זיך אין גלות, און ער בעט דעם אויבערשטן אז ס'זאל זיין "ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים" - וואס לכאו׳, זיינען דאס צוויי הפכיות'דיקע תנועות מן הקצה אל הקצה.

און די צוויי ענינים געפינט מען אויך בנוגע צום קרבן חגיגה מיט קרבן פסח (וואס זיי זיינען כנגד דעם ענין הגלות מיט דער גאולה העתידה):

קרבן חגיגה איז א קרבן בפ"ע און האט א ברכת הזבח בפ"ע מיט אלע גדרים פון א קרבן, ולאידך, דער קרבן חגיגה קומט אלס הקדמה כדי אז אכילת קרבן פסח זאל זיין אין אן אופן אז "נאכל על השובע".

ד.ה. אז קרבן חגיגה איז א קרבן בפ"ע, און דאס פועל'ט אז ביי א אידן זאל זיין אן ענין של שׂוֹבַע [וואס דא העלפט

- ניט -

----

76) ראה לקו"ש בהעלותך תשל"ז ס"ב ובהערות שם. שיחת י"א ניסן ש.ז. סכ"ו. 77) תניא רפל"ז. 78) משלי ג, ו.
79) הל׳ דעות ספ"ג. וראה ג"כ שם רפ"ה. 80) ראה רמב"ם סוף הל׳ לולב.

ניט דאס וואס אידן "מדקדקים על עצמם עד כזית ועד כביצה"[81], וואַרום דעמולט איז דאס ניט קיין שביעה מה"ת, ובמילא איז ניטא דער ענין וואס דער פסח איז "נאכל על השובע"; און דערנאך זאגט מען אז דאס איז אלץ אן ענין של הכנה כדי אז אכילת הפסח זאל זיין "על השובע".

אין אכילת הפסח גופא זעט מען אויך א דבר והיפוכו: אכילת קרבן פסח דארף זיין "על השובע", ולאידך, טאר דאס ניט זיין קיין אכילה גסה[82] וואס דעמולט האט ער דעם נאמען ווי מ'רופט אים אן אין תושבע"פ[83] -

וואס איינער פון די ביאורים בזה איז, ע"ד ווי די גמרא[84] זאגט בנוגע צו פורים אז "רווחא לבסימא שכיח" ("ריוח מצוי לדבר המתוק בהוך המעיים"[85]), ד.ה. ניט נאר אז דאס איז ניט קיין דבר היוצא מן הכלל, נאר אין דרך הטבע גופא איז דאס "שכיח", ועד"ז איז פארשטאנדיק אויך בנוגע צום קרבן פסח.

יד. מ'האט גערעדט פריער וועגן דער סמיכות פון מסכת שקלים צו מסכת פסחים. און אין דערויף קומט אויך צו עיקר הענין, ווי מ'האט געשריבן אין דעם ברייוו[86] אז כדי אז ס'זאל זיין דער "ונאכל שם מן הזבחים ומן הפסחים"[87] דארף מען האבן די נתינת "מחצית השקל" פון יעדער אידן.

און ווי ער זאגט אין ירושלמי בסוף מסכת שקלים (- אין בבלי איז ניטא קיין גמרא אויף מסכת שקלים) אז ס'וועט זיין "יבנה המקדש . . ותתרם תרומה הלשכה מן החדשה כו'" - די נתינה פון "מחצית השקל", און ערשט דעמולט וועט מען קענען מקריב זיין די קרבנות.

וואס לכאו' איז ניט פארשטאנדיק: בשעה דער ביהמ"ק וועט געבויט ווערן, דארף מען דאך גלייך מקריב זיין די קרבנות, איז ווי אזוי וועט מען האבן צייט גיין צוזאמענקלייבן "מחצית השקל" פון אלע אידן; וואס וועט מען טאן דערווייל מיטן קרבן וואס מ'דארף מקריב זיין?

- וואס ווי די הסברה וועט נאר זיין אין דערויף, איז דאך אבער די גמרא מסיים אז נאך דערויף וואס ס'וועט געבויט ווערן דער ביהמ"ק, וועט מען דארפן האבן "מחצית השקל" פון אלע אידן וואס וועלן זיין דעמולט, כדי אז מ'זאל קענען

- מקריב -

----

81) ברכות כ, ב. 82) נזיר כג, א. וש"נ. שו"ע או"ח הל' פסח רסתע"ו בהגה"ה. שו"ע אדה"ז שם ס"ה. 83) נזיר שם. 84) מגילה ז, ב. 85) פרש"י שם ד"ה רווחא. 86) דכ"ט אדר שני, ער"ה ניסן ש.ז. 87) ברכת "אשר גאלנו" מפסחים קטז, ב במשנה.

מקריב זיין די קרבנות. און ווי די גמרא איז דארטן מסיים מיט דער שקו"ט צי דער "מחצית השקל" וואס מ'האט געבראכט לפנ"ז ווערט פארעכנט ווי תרומה ישנה. ואין כאן המקום להאריך בזה.

טו. בנוגע צו מסכת שקלים געפינט מען א דבר נפלא, וואס דערפון האט מען א לימוד נפלא אז דער ענין פון "ואהבת לרעך כמוך" (וואס דאס איז די נקודה פון "מחצית השקל", מסכת שקלים, כנ"ל ס"ו) קומט ארויס אפי' בנוגע צו ענינים וואס זיינען הפכים זמ"ז:

אין מסכתות הש"ס זיינען דא כמה מסכתות וואס האבן גמרא סיי אין בבלי און סיי אין ירושלמי, און ס'זיינען דא מסכתות וואס האבן גמרא מערניט ווי אין ירושלמי, ובפרט אנהויבנדיק פון סדר זרעים. און ס'איז אפגעדרוקט אין אן אופן אז דער וואס לערנט תלמוד בבלי לערנט ער די גמרא פון בבלי, און דער וואס לערנט תלמוד ירושלמי לערנט ער די גמרא פון ירושלמי.

[מ'דארף טאקע לערנען סיי תלמוד בבלי און סיי תלמוד ירושלמי, ווי ער רעכנט אויס אין הל' ת"ת[88] די אלע ענינים וואס א איד דארף אפלערנען עכ"פ פעם א' במשך ימי חייו, זיי זיינען אבער באזונדערע שיעורים, דאס איז א שיעור אין תלמוד בבלי און דאס איז א שיעור אין תלמוד ירושלמי].

ס'איז אבער דא אן איין און איינציקער אויסנאם, וואס דאס איז מסכת שקלים: "מנהג ישראל" (וואס "תורה הוא"[89]) איז אז ווען מ'דרוקט תלמוד <u>בבלי</u>, דרוקט מען אויך די גמרא פון תלמוד <u>ירושלמי</u> אויף מסכת <u>שקלים</u> (ניט קיין אנדער מסכת), און ס'איז איינגעבונדן צוזאמען מיטן ש"ס בבלי, און דער וואס לערנט תלמוד בבלי, לערנט אויך די גמרא פון תלמוד ירושלמי וואס איז דא אויף מסכת שקלים.

[וכידוע די שקו"ט וואס איז געווען לפני כמה שנים בנוגע צום סדר הלימוד פון "דף היומי", צי מ'זאל לערנען די גמרא פון תלמוד ירושלמי אויף מסכת שקלים, וויבאלד אז דער סדר הלימוד פון "דף היומי" איז דער סדר הלימוד פון תלמוד בבלי].

וואס תלמוד בבלי און תלמוד ירושלמי זיינען בכללות הפכים זמ"ז, אוץ ווי די גמרא אין מס' שבת[90] איז מחלק צווישן די תלמידי חכמים פון בבל מיט די תלמידי חכמים פון

- א"י -

---

88) לאדה"ז פ"ב ס"י. וראה ג"כ שם ס"א-ג. פ"א ס"ד.
89) תוד"ה נפסל - מנחות כ, ב. 90) קמה, ב.

א"י. און ווי די גמרא[91] איז מחלק "מש"ס לש"ס כו'", און מפרשים[92] טייטשן אפ אז דאס זיינען צוויי באזונדערע ענינים.

ובפרט ע"פ המבואר אין שערי אורה[93] ווי אזוי זיי זיינען מחולק אין דעם גאנצן אופן פון לימוד התורה.

ביז וואנעט אז די גמרא[94] דערציילט אז ר' זירא האט געפאסט כמה תעניות (מאה אדער מ'[95]) כדי ער זאל פארגעסן תלמוד בבלי און קענען אנהויבן לערנען תלמוד ירושלמי, וואס דערפון זעט מען אז זיי זיינען הפכים זמ"ז.

בשעת ס'קומט אבער צו מסכת שקלים, וואס דער ענין פון מסכת שקלים, "מחצית השקל", איז מדגיש אז ווען ווערט א איד א דבר שלם, דוקא ווען ער האט מיט זיך א צווייטן אידן (וואס דאס איז אין קדושה בכלל, ועאכו"כ אין אן ענין פון תורה), דער ענין פון "אהבת ישראל" - קומט אדויס דער חיבור הפכים פון תלמוד בבלי מיט תלמוד ירושלמי, אין אן אופן אז ס'האט זיך איינגעשטעלט דער "מנהג ישראל" אז אין דעם סדר הלימוד פון תלמוד בבלי לערנט מען די גמרא פון תלמוד ירושלמי אויף מסכת שקלים, ביז וואנעט אז ס'איז אראפגעקומען אפי' צו די מדפיסים און די וואס בינדן די ש"ס'ן, אז די גמרא פון תלמוד ירושלמי אויף מסכת שקלים איז געדרוקט און איינגעבונדן צוזאמען מיט ש"ס בבלי.

וואס דאס איז מדגיש די הוראה האמורה לעיל (ס"ח-ט) אז דער ענין פון "ואהבת לרעך כמוך" (וואס דאס איז די נקודה פון "מחצית השקל", כנ"ל בארוכה) דארף זיין אין אן אופן אז ס'ווערן נתאחד ניט נאר צוויי באזונדערע ענינים, נאר אפי' הפכיות'דיקע ענינים.

טז. אזוי ווי כללות ענין הגלות איז דאך דער ענין פון "בבל", ווארום "בבל" איז מלשון "כי שם בלל ה' את שפת כל הארץ"[96], ד.ה. אז מצד דעם חושך הגלות איז צוזאמענגעמישט אור און חושך,

[ובפרט אז בזמן הגלות איז מען אין אן אופן פון "כחולמים", ווי דער אלטער רבי איז מבאר בארוכה אין תו"א[97] עה"פ[98] "היינו כחולמים" (בנוגע צו חלום יוסף), אז דער ענין החלום איז וואס ער איז מחבר ומרכיב שני ענינים הפכיים, און ער איז דאס מבאר בנוגע לעבודת האדם בזמן הגלות - און פירט אויס אז אעפ"כ איז עבודתו אן עבודה אמיתית וכו'] -

- איז -

---

91) י, רע"א. 92) פרש"י ותוס' שם ד"ה אפי'. 93) כב, ב ואילך. 94) ב"מ פה, א. 95) גי' הדש"ל שם. 96) נח יא, ט. 97) וישב כח, ג ואילך. 98) תהלים קכו, א.

איז יהי"ר אז ס'זאל בטל ווערן דער ענין פון ("בבל" וואס איז פארבונדן מיטן ענין פון) גלות - דורך דערויף וואס מ'וועט מחבר זיין בפועל דעם ענין פון תלמוד בבלי מיט תלמוד ירושלמי, אז מ'וועט לערנען תלמוד בבלי אין א"י,

ביז אז ס'וועט מקוים ווערן דער יעוד "עתידה ירושלים (תלמוד ירושלמי) שתתפשט בכל ארץ ישראל"[99], אין אן אופן פון נשמות בגופים וכפשוטו ממש, ע"י משיח צדקנו, יבא ויגאלנו ויוליכנו קוממיות לארצנו.

און דעמולט וועט מען האבן די מעלה נוספת אין דעם לימוד פון תלמוד ירושלמי וואס קומט צו דורך דעם וואס מ'האט פריער געלערנט הלמוד בבלי - ווי די גמרא[100] זאגט אז "חד מנייהו" ווען ער קומט אין בבל און דערנאך קערט ער זיך אום צוריק אין א"י, ווערט ער "כתרי מינך", "כפלים לתושי'"[101],

און ס'זאל זיין בקרוב ממש, בביאת משיח צדקנו.

* * *

יז. ס'איז דא נאך אן ענין וואס איז פארבונדן אויך מיטן צ"צ (וואס יום ההילולא שלו איז בי"ג ניסן) און מיטן רמב"ם (וואס זיין יום ההולדת איז געווען בערב פסח, כנ"ל סי"א), ובעיקר - מיט דעם ענין הגאולה:

ס'איז דאך ידוע די אגה"ק פון דעם בעש"ט[102] המפורסמת בכל אפסי ארץ, אז לכשיפוצו מעינותיך חוצה וועט זיין אתי מר דא מלכא משיחא.

איז איינע פון די שאלות וואס מ'פרעגט אויף דערויף:

בנוגע צום לימוד חלק הנסתר שבתורה - וואס נתבארה ונתפרשה בדורנו דורך תורת החסידות, ביז אין אן אופן פון "יהפרנסון"[103] - געפינט מען כמה הגבלות און הקדמות וואס דארפן זיין קודם הלימוד פון נסתר שבתורה.

און ווי ס'ברענגט זיך אראפ אין דער הקדמה פון ע"ח (גענומען פון הקדמה הרח"ו לשער ההקדמות) כמה ענינים וואס דארפן זיין אלס הקדמה צום לימוד נסתר דתורה, ביז ווי ער זאגט דארטן א מורא'דיקן לשון, "אני הכותב משביע בשמו כו'" אז איידער מ'וועט לערנען נסתר דתורה, דארף מען האבן כמה הנהגות און גדרים און זהירות'ן, ווי ער איז זיך מפרט בארוכה.

- וואס -

----

99) ראה יל"ש ישעי' רמז תקג. 100) כתובות עה, א. 101) ראה שמו"ר רפמ"ו. 102) נדפסה ג"כ בכש"ט (הוצאה קה"ת) בתחלתו. 103) תקו"ז ת"ו בסופו. וראה לקו"ש ח"ז ע' 206.